אויף תיכף ארויסצוגעבן: 9/24/2024 גאווערנער קעטי האקול

**דערקלערונג פון גאווערנער קעטי האקול אויף ריכטער יאנאטאן לימאן'ס איבערזיכט פון אנטיסעמיטיזם און אנטי-דיסקרימינאציע ריכטליניעס ביי CUNY**

***נאכפאלגנדיג א פארמערונג אין קאמפוס אנטיסעמיטזם, האט גאווארנער האקול געשטעלט ריכטער ליפמאן דורכצופירן א פולשטענדיגע איבערבליק פון CUNY'ס אנטיסעמיטזם און אנטי-דיסקרימינאציע ריכטליניעס***

***פולע באריכט איבערגעגעבן צו גאווארנער האקול איז צו באקומען [דא]***

"מיין הויפט פריאריטעט אלס גאווארנער איז אלעמאל געווען צו פארזיכערן די זיכערקייט און באשיצונג פון יעדע ניו יארקער, און יעצט, פילן זיך צו פיל סטודענטן ביי אונזערע קאלעדשעס און אוניווערזיטעטן נישט פארזיכערט. לאז מיר זיין קלאר: מיר וועלן נישט טאלערירן דראונגען פון אנטיסעמיטיזם אדער האסע פון סיי וועלכע סארט. יעדע ניו יארקער מוז זיין פריי צו לעבן, לערנען און דינען אן קיין שרעק פון באדראונגען אדער געוואלדטאטן.

"אפילו פאר די שרעקליכע טעראר אטאקעס פון אקטאבער די 7טע, האט ניו יארק אקטיוו באקעמפט האסע - מיט שריט אזוויי פאררעפנטליכן אמעריקע'ס ערשטע סטעיט-ברייטע פלאן צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם און פינאנצירן באשיצונג פאר אינסטיטוציעס וואס זענען אין געפאר פון האס-געפירטע אטאקעס. איך האב געטוישט די בעיל געזעצן נאכצוקוקן האסע פארברעכן און איינגעשטעלט נאך סטעיט איינגעשטעלטע צו די FBI'ס דשוינט טעראריזם טעסק פארס (FBI's Joint Terrorism Task Force). ווען די טראגישע יאר-טאג פון די אקטאבער די 7טע אטאקעס קומט נענטער, וועלן מיר מעלדן נאך מיטלען צו פארזיכערן די זיכערקייט און וואויל-זיין פון אלע ניו יארקערס.

"איך וויל דאנקען ריכטער יאנאטאן ליפמאן פאר זיין ארבעט צו ברענגען א ארומנעמענדע באריכט אויף אנטיסעמיטיזם און אנטי-דיסקרימינאציע ריכטליניעס ביי CUNY. האסע אויף קאמפוס איז געשטיגן דורכאויס'ן לאנד איבער די לעצטע יאר, און מיר האבן זיך גענויטיגט אין אן אויפריכטיגע איבערזיכט פון וויאזוי די בעסטע צו באשיצן אונזערע סטודענטן. נאכן איבערקוקן ריכטער ליפמאן'ס באריכט, האב איך באפוילן CUNY איינצופירן זיינע 13 פארשלאגן, וואס איך גלייב וועט מאכן א באדייטנדע טויש אין פארמיידן און אדרעסירן צוקונפטיגע אינצידענטן. מיין ערווארטונג איז אז CUNY וועט איינפירן די פארשלאגן, און זיי האבן שוין גענומען ערשטע שריט צו אדרעסירן די ריכטער'ס טרעפונגען. איך מוטיג יעדע קאלעדש און אוניווערזיטעט אין ניו יארק סטעיט איבערצוקוקן ריכטער ליפמאן'ס פארשלאגן אלס א וועגווייזער צו העלפן פארזיכערן אז זייער קאמפוס געמיינדע איז אן אויפנעמענדע און זיכערע פלאץ פאר מענטשן פון יעדע גלויבן און הינטערגרונד."

גאווארנער האקול [האט אוועקגעשטעלט ריכטער ליפמאן] דורכצופירן א פולשטענדיגע איבערבליק פון CUNY'ס אנטיסעמיטזם און אנטי-דיסקרימינאציע ריכטליניעס לעצטע אקטאבער נאכפאלגנדיג א

פארמערונג אין האסע און נייגונג אינצידענטן נאכפאלגנדיג די כאמאס טעראר אטאקעס. ריכטער ליפמאן האט אהערגעשטעלט א 13-פונקט אקציע פלאן פאר CUNY זאפארט איינצופירן צו אדרעסירן אנטיסמיטיזם און אנדערע וועגן פון דיסקרימינאציע אדער האסע אויף קאמפוסעס און באשיצן אידישע סטודענטן און פארמעגן:

- צענטראליזירן מיטלען צו האנדלען מיט דיסקרימינאציע דורך שאפן א צענטער דורכאויס די אוניווערזיטעט צו אדרעסירן אנטיסעמיטיזם און אנדערע וועגן פון האסע און איינשטעלן אן אינעווייניגסטע אנטיסעמיטיזם און האסע מאניטאר.
- צונעמען CUNY'ס אוניווערזיטעט-ברייטע דיסקרימינאציע און רעטאליאטציע מעלדונג פארטאל צו בעסער שטיצן אינדיווידועלן וואס געבן אריין קלאגעס פון אנטיסמיטיזם און דיסקרימינאציע.
- העלפט באטראפענע פון אנטיסעמיטזם און דיסקרימינאציע דורכגיין די אונטערזוכנדע פראצעדור און אידענטיפיצירן מיטלען וואס זענען דא צו באקומען דורך אוועקשטעלן א צענטראליזירטע באטראפענע'ס אדוואקאט פראגראם (Victim's Advocate program).
- קאארדינירט מיט געזעץ אינפארסירונג און זיכערהייט עקספערטן אוועקצושטעלן סיסטאמיזירטע זיכערהייט פראטאקאלן צו העלפן באשיצן יעדעם און פארזיכערן אלע אינדיווידועלן פילן זיך פארזיכערט אויף CUNY קאמפוסעס.
- צושטעלן וועגווייזונג און טרענירונג פאר קאמפוס טשיעף פארשדינארטיגקייט אפיסערס און אנדערע וואס זענען פאראנטווארטליך פארן אויספארשן אנטיסעמיטזם און דיסקרימינאציע קלאגעס און איינפירן א סיסטעם פון אויספארשונג איבערזיכט.
- נוץ די פרינציפן פון די אינטערנאציאנאלע מלחמה געדענקעניש אליאנץ ( International Holocaust Remembrance Alliance) באשרייבונג פון אנטיסעמיטזם אלס א וועגווייזער צו העלפן באשטימען וואס קען מיינען אנטיסעמיטזם, אין ליניע מיט גאווארנער האקול'ס 2022 פראקאלמירונג אידענטיפיצירנדיג די IHRA באשרייבונג אלס א ווערדפולע געצייג.
- פארזיכער אז אלע אין CUNY, ארייגערעכנט קאמפוס פירערשאפט און טשיעף פארשידנארטיגקייט אפיסערס, נוצן די געזעץ אלס א וועגווייזער ווען זיי באהאנדלען אינצידענטן פון אנטיסעמיטזם אויף קאמפוס, אפגעזען פון פערזענליכע בליקן פון וואס אנטיסעמיטזם מיינט.
- מאכט איבער יעצטיגע ריכטליניעס און פראצעדורן צו פארזיכערן אז זיי שטעלן צו אייניגע און קלארע אנווייזונג צו אדרעסירן מאדערנע אינצידענטן פון אנטיסעמיטיזם און אנדערע וועגן פון האסע, אריינגערעכנט יד באנוץ פון סאציאלע מידיא; טרענירט סטודענטן, אפטיילונג און שטאב אויף די ריכטליניעס; און קוקט רעגלמעסיג איבער און פארבעסערט די ריכטליניעס אין די צוקונפט צו פארזיכערן אז זיי ווערן נישט אומגילטיג.
- האלט רעגלמעסיג פאראנטווארטליך סטודענטן און אפטיילונג פאר אויפפירונג פארלעצונגדיג CUNY'ס ריכטליניעס און פראצעדורן דורך איינשטעלן נייע קלארע פראטאקאלן.
- שרייבט און אדאפטירט א פולשטענדיגע פאליסי אויף פרייהייט צו רעדן און אויסדריקונג אויפפירונג ( Comprehensive Policy on Freedom of Speech and Expressive Conduct), אריינגערעכנט קלארע כללים פאר צייט, פלאץ און וועג פון אויסדריקנדע אויפפירונג אויף קאמפוסעס, שטימענדיג מיט די ערשטע אמענדמענט.
- מוטיג פירערשאפט צו פירן דורך ביישפיל און רעד שארף קעגן אנטיסעמיטזם און יעדע סארט וועג פון האסע, אפילו ווען עס פארלעצט נישט דירעקט די געזעץ אדער CUNY'ס ריכליניעס.
- פארמערט אנשטרענגונגען צו טרענירן און איינשטעלן אפטיילונג און שטאב וואס זאלן רעגלמעסיג מוטיגן און שטיצן אריינגעמונג, בויענדע געשפרעכן און טאלערירונג.
- שטיצט געשפרעכן צווישן מענטשן וואס האבן אנדערע אויסקוקן און שאפט-נאך אנגעשלאסענע פראגראמירונג.

ריכטער ליפמאן'ס פולע איבערזיכט און פארשלאגן איז דא צו באקומען [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן